"דרך ירושלים" – ווערטער: לייבל באָטווייניק
מוזיק: סענדער באָטווייניק

-1-

דער וועג צו איר ציט זיך דורך פעלדזן און שטיינער
און ווײַס-געלע זאַמדן באַצירטע מיט גרין.
דורך טאָלן מיט גרעזלעך, און בערגלעך מיטביימער, }
ירושלים — סע ציט מיך אַהין... } 2X

-2-

די דאָזיקע שטיינער דערציילן געשיכטעס
פון בענקשאַפט און ליבשאַפט, פון העלדן-געשלעג,
די טרוימען פון דורות, די גרויסע מרידות }
פון ייִדן אין קאַמף פאַרן ייִדישן וועג... } 2X

-3-

איך שטיי און באַוואונדער די בערגער און ביימער,
איך טראַכט פון עקידות פון ייִדישן פאָלק,
פון מזרח און מערב, אַ בענקשאַפט געהיימע }
צו לעבן ווי ייִדן מיט ייִדישן טאָלק. } 2X

-4-

מיר האָבן דערלעבט אונדזער גאָר אַלטן חלום,
באַזעצט און באַלעבט איז פון ייִדן דאָס לאַנד.
מיר גאַרן נאָך פרײַהייט צו לעבן בשלום }
ווי ייִדן — ווי גלײַכע מיט פעלקער באַנאַנד. } 2X